# חסד לאברהם

## ספר היובל לאברהם גולומב

## צו זיין אכציקסטן געבוירן־יאָר

רעדאַקטירט פון

**משה חזקוני־שטאַרקמאַן**

ארויסגעגעבן פון

אברהם גאָלאָמב יובל־קאָמיטעט

ביים ייִוואָ אין לאָס אַנדזשעלעס

תש"ל — 1969 — 1970

גרשון סאַפּאָזשניקאָוו (בוענאָס־איירעס)

# ש״י עגנונס קינסטלערישע געשטאַלטן אין ליכט פֿון פּסיכאָאַנאַליז

דעם בעל־יובל, אַבֿרהם גאָלאָמב, געוועזענעם דירעקטאָר פֿון ייִדישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע, וואָס האָט מיך אַרײַנגעפֿירט אין דער צויבער־וועלט פֿון ייִדישע גײַסטיקע ווערטן, טראָג איך אונטער די אַרבעט ווי אַ מתנה אויס אָנערקענונג און ליבשאַפֿט פֿון אַ דאַנקבאַרן תלמיד.

אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור — אין בײדע שפּראַכן — וואָרצלט אין דער קינסטלערישער מיסטיק, וואָס איז אויפֿגעקומען מיט דער חסידישער באַוועגונג און אין פֿאָלקלאָר, אין וועלכן דאָס פֿאָלק האָט פֿאַרקערפּערט זײַן שעפֿערישן אימפּעט. די חסידישע מעשׂה, וועלכע איז ממשיך דעם דערציילערישן נוסח פֿון דער אַגדה און מדרש, האָט באַפֿליגלט די פֿאַנטאַזיע פֿון פֿאָלק, באַנײַט זײַן שעפֿערישן געדאַנק, און געגעבן דעם העברעיִשן און ייִדישן וואָרט זײַן אורשפּרינגלעכע קראַפֿט: זײַן קינסטלעריש־עטישע אָנלאָדונג, וואָס פֿירט צום ביבלישן מקור, צו דער קאָסמישער האַרמאָניע און אוניווערסאַלער אידעע, וואָס האָט אין ליבשאַפֿט פֿאַרבונדן מענטש, נאַטור און גאָט.

ר׳ נחמן בראָצלאַווער, דער שאַפֿער פֿון דער חסידישער מעשׂה, פֿלעגט זאָגן: „אַ מעשׂה פֿאַרשלעפֿערט נישט, נאָר וועקט דעם מענטשן פֿון שלאָף״. עס הייסט, אַז די חסידישע מעשׂה לאָזט דעם מענטשן נישט אײַנשלאָפֿן אין דער קלעפּיקער וואָרעמקייט פֿון דער אינערץ, נאָר האַלט וואַך זײַנע חושים און אָנטפּלעקט פֿאַר אים די פֿאַרבאָרגענע וועגן, וואָס פֿירן צו אַ העכערער חכמה פֿון לעבן, צו אַן אינערלעכן שלום בית, צו אַ פֿרײדיקער און האַרמאָנישער אײַנגלידערונג פֿון יחיד אין לעבן פֿון כּלל און פֿון פֿאָלק.

אין דער מעשׂה „דער חכם און דער נאַר״, דערציילט ר׳ נחמן ווי דער חכם דערגרייכט מיט זײַן חכמה אַ סך דערפֿאָלגן אין לעבן. אָבער די אומגעזעטיקטע תּאווה צו נאָך גרעסערע דערגרייכונגען און זײַן אויפֿגעבלאָזענע גאווה פֿאַרשטערן אים זײַן רו און באַרויבן אים פֿון גליק. דער נאַר, דאַקעגן, האָט נישט קיין שׂכל צו דעראָבערן מאַטעריעלע רײַכטימער, ער פֿאַרמאָגט אָבער די חכמה פֿון אַ פֿרײדיקן געמיט און די הערציִשע קראַפֿט פֿון גײַסטיקן גלײַכגעוויכט. די פֿרוי דערלאַנגט אים אַ גלאָז וואַסער און ער זאָגט איר מיט ליבשאַפֿט: „אַ טײַערן ווײַן האָסטו מיר געגעבן, מײַן ווײַב״... ער האָט עס אַזוי מיטן כּוח פֿון זײַן טרוימעריש־אָפּטימיסטישן געמיט פֿאַרוואַנדלט דאָס

וואַסער אין ווײַן. אַוודאַי איז עס ווייניקער פֿון ווײַן, אָבער עס איז זיכער עפּעס מער פֿון וואַסער, אָדער וואַסער מיט „עפּעס"; מיט עפּעס וואָס דערמונטערט, און שאַפֿט אַ פֿריידיקע און דערהויבענע שטימונג. איז עס נישט קיין רעזיגנאַציע פֿאַרן ביטערן גורל, נאָר דאָס איז אַן אײדעלע סובלימאַציע פֿון די עלעמענטאַרע באַדערפֿענישן און פֿון די שווערע לעבנס־נויטן, וועלכע צעגייען זיך ווי שאָטנס אונטער די שטראַלן פֿון אַ זוניקן גײַסט.

דער מענטש איז אויף אַזאַ מין אופֿן גובר אין זיך די עלעמענטאַרע אַפּעטיטן, וואָס שמידן אים צו ווי מיט צוואַנגען צום ערדישן באָדן. און אַז ער באַקומט די שליטה איבער זיי, און דאָמינירט אין זיך די חיהש־ביאָלאָגישע עלעמענטן, צעבליִען זיך אין זײַן געמיט מיט אַ ליכטיקער פֿרייד אַלע העכערע, באַוווסטזיניקע, מענטשלעכע קרעפֿטן.

זאָגט דער דיכטער איציק מאַנגער צי דעם געקרייציקטן אויפֿן צלם: „טו אויס דעם אָרעאָל פֿון לייד, דערקען דעם שטויב, דערקען דעם מענטש, די בריק צו גאָט, די בריק צו פֿרייד"... עס הייסט, אַז אהבת האדם איז די בריק וואָס פֿירט צו אהבת המקום. דאָס איז דער ייִדישער דרך אין לעבן און פּסיכיש דער נאַטירלעכער וועג פֿון די ליבע־אַפֿעקטן. אַ קינד לערנט זיך אויס פֿריִער צו ליבן זײַנע עלטערן. און אַז זײַן האַרץ האָט זיך געעפֿנט און עס האָבן אין אים אויסגעצייטיקט ליבע־סענטימענטן, קען ער שפּעטער אַריבערטראָגן זײַנע געפֿילן אויך אויף אַנדערע מענטשן. דער אָבער, וואָס איז געבליבן מיט אַ פֿאַרשלאָסן האַרץ צו זײַנע לײַבלעכע פֿאָטער און מוטער, וועט קיין מאָל צו קיינעם קיין ליבע נישט האָבן. די וואָס האָבן קיין מענטשן נישט ליב, האָבן אויך צו גאָט ניט קיין האַרץ. זיי קענען אַפֿילו זײַן פֿרום: אָבער פֿאַר מורא, נישט אויס ליבע... דאָס מענטשלעכע אין דעם מענטשן — אָדער דאָס געטלעכע אין אים — זײַנען זײַנע ברידערלעכע און הומאַניטאַרע סענטימענטן. זײַן ואהבת לרעך כמוך, דאָס איז די בריק וואָס פֿירט צו דער וועלט און דעריבער אויך צו גאָט, ווײַל גאָט איז דער סימבאָל פֿון ליבשאַפֿט און אַבסאָלוטער האַרמאָניע, פֿון אייביקער באַוועגונג און פֿריידיק־שעפֿערישן לעבן. די חסידישע מעשׂה איז טיף דורכגעדרונגען מיט אָט־דעם הומאַניטאַרן גײַסט, מיט וואַרעמער פֿאָטערלעכער גוטסקייט און לירישן חן, וואָס איז לויטער טרייִסט און בטחון.

דער ריינסטער קינסטלערישער המשך פֿון דער חסידישער מעשׂה אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, איז אונדזער ערשטער נאָבעל־לאַורעאַט, שמואל יוסף עגנון. ער איז אַ קריסטאַליזירטער סינטעז פֿון תּפֿילה און מעשׂה, וואָס האָט אַלע חנען פֿון אַן אייגנאַרטיקן סטיל, פֿון אַן עכטער ייִדישער עסטעטיק, וואָס איז אויסגעפּוצט אין אַ שפּראַכן־אוצר פֿון אַלע היסטאָרישע תּקופֿות, און אין וועלכער עס פּולסירט אַ גרויס ייִדיש האַרץ פֿון ליבשאַפֿט צו מענטשן.

און אַ פֿאַרבינדונג מיט די פֿאָלקסטימלעכע קװאַלן פֿון דעם ייִדישן קרעאַטיװן געדאַנק, אין װעלכן די פֿאַנטאַזיע האָט צוזאַמענגעשפּילט מיט דער עטישער כּוונה, בלײַבט נישט אַנטפּלעקט און נישט פֿאַרשטאַנען דער מהות פֿון עגנונס שאַפֿן.

דער װאָס פֿאַרבינדט נישט די ליטעראַרישע דערשײַנונג עגנון, מיט דער אומאיבערגעריסענער קייט פֿון גײַסטיקער יצירה דורך אַלע דורות, פֿון ייִדיש־רײדנדיקן בוטשאַטש, ביז די קולות וברקים פֿון מתן תורה בײַם באַרג סיני — דער בלײַבט דורשטיק בײַ די קװאַלן פֿון זײַן קונסט.

עס איז פֿאַראַן אַ פּערזענלעכער און אייגנאַרטיקער טאָן אין עגנונס װעלט־געפֿיל, װאָס דערנענטערט אים צום סאַמע עיקרדיקן קערן פֿון דער אַלטרויִסטי־שער אידעע, פֿון װעלכער עס האָט אַרויסגעשפּראָצט די ביבלישע װעלט־אַנשויונג. זײַן אַלטרויִזם איז פֿון אַ הויכער העראָישער בחינה, פֿון מסירת־נפֿש, װען דער מענטש הייבט זיך אַרויס פֿון דעם ערדישן באָדן און װערט „די בריק״, װאָס פֿירט צו גאָט. אהבה תלויה בדבר — אינה אהבה. אַ ליבע װאָס איז פֿאַרבונדן מיט אַ פּערזענלעכן אינטערעס פֿאַר זיך — איז נישט קיין ליבע; װײַל די אמתע ליבע הייבט זיך ערשט אָן דאָרט, װוּ איינער איז גרייט עפּעס אָפּגעבן פֿון זיך פֿאַרן צװייטן, פֿאַרן אָביעקט פֿון זײַן ליבע. עגנונס העלדן זײַנען זיך מקריב פֿאַרן גליק פֿון זייערע ליבע װעזנס, און זײַן שאַפֿונג װערט אַ סימפֿאָניע פֿון די שענסטע מענטשלעכע געפֿילן, װאָס פֿאַרקערפּערט אין זיך די העכסטע הומאַניטאַרע װערטן.

אויבנאויפֿיק קען אויסזען אַז עגנונס העלדן האָבן נישט קיין בלוט אין די אָדערן. אַז זיי זײַנען פֿאַרטראַגן אין די העכערע װעלטן, אויסגעטאָן פֿון מענטש־לעכע לײַדנשאַפֿטן. אָבער דאָס איז נאָר אַן אויסערלעכע שאַלעכץ, הינטער װעלכער עס פּולסירט אַן אינטענסיװ עמאָציאָנעל לעבן. און עגנון האָט פֿאַר דעם אַ רעאַליסטיש לשון, װאָס האַלט זיך אָבער אין די צניעותדיק־ייִדישע גרענעצן. זײַנע מענטשן זײַנען פֿון בלוט און פֿלייש, אָבער זיי פֿאַרלירן נישט די שליטה איבערן חומר. עזה כּמות אהבה, זייער ליבשאַפֿט איז שטאַרק װי דער טויט, און זיי זײַנען גרייט אויף איר מזבח מקריב צו זײַן דאָס אייגענע לעבן.

די דערציילונג „והיה העקוב למישור״ — דאָס קרומע װעט אויסגעגליכט װערן — איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם זשאַנער. דאָס איז איינע פֿון זײַנע פֿריסטע שאַפֿונגען, אין װעלכער זײַן שפּראַך איז נאָך ברייט־צעשװוּמען און פֿאַרלירט זיך אין פּרטים, װי אַ שטראָם װאָס איז אַרויס פֿון די ברעגן. אין די שפּעטערדיקע װערק איז ער מער קאָנצענטרירט, סטיליסטיש מער רײַף און אייגנאַרטיק. מיט אַ געניטער האַנט פֿון אַ גרויסן מײַסטער באַװײַזט ער צו דאָמינירן די שפּראַכן־סטיכיע און געבן זײַנע קינסטלערישע געשטאַלטן אַ פּלאַסטישן אויסדרוק.

אָבער אין אָט דער יוגנטלעכער נאָוועלע אַנטפּלעקט זיך שוין דער פֿולער אידעיִשער תּמצית פֿון עגנונס שאַפֿן: די נשמה, וואָס באַהעלט מיט אַ מיסטישער שײַן זײַנע העלדן; די נטיה צו מסירת־נפֿש, ווי אַן אײגנאַרטיקער שטריך אין דער פּסיכיק פֿון ייִדישן מענטשן און דער אינערלעכער קאַמף פֿאַר גײַסטיקער שלימות, פֿאַר אַן אינערלעכער האַרמאָניע, וואָס איז די טרײַב־קראַפֿט פֿון זײַן דראַמאַטישער האַנדלונג.

דער נאָמען גופֿא פֿון דעם ווערק קען דינען ווי אַ פֿאָרמול, וואָס סימבאָליזירט דעם קינסטלערישן נוסח פֿון זײַן גאַנץ שעפֿעריש לעבן. „והיה העקוב למישור": דאָס קרומע פֿון לעבן דאַרף דער מענטש אויסגלײַכן מיט זײַנע אייגענע קרעפֿטן. אין קריסטנטום האָט גאָט אויסגעלייזט די וועלט; אין ייִדנטום איז דער מענטש דער וואָס לייזט אויס די וועלט. אַ מלכות שדי, אַ בעסערע וועלט, וועט נישט אַראָפּפֿאַלן פֿון הימל, דער מענטש דאַרף זי שאַפֿן. דאָס איז אין הסכם מיטן ביבלישן וועלט־באַנעם. אַ האַרמאָניע אין מיקראָקאָסמאָס איז אַן אומבאַדינגטער תּנאַי פֿאַר אַ האַרמאָניע אין די עולמות העליונים. דער ווילן פֿון צדיק, אינספּירירט אין געפֿיל פֿון יושר און גערעכטיקייט, איז דער העכסטער געבאָט וואָס רעגירט אַלע וועלטן. אַ געטלעכע קראַפֿט איז פֿאַרבאָרגן אין דעם מענטשלעכן ווילן געלײַטערט אין יסורים און באַזעלט מיט ליבשאַפֿט צו זײַנע מיטמענטשן. אַזוי האָט געלערנט די קבלה, און דער חסידיזם האָט געשטרעבט עס צו פֿאַרווירקלעכן אין טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין דעם מאמר חז"ל וועלכן עגנון איז זיך נוהג צו געבן ווי אַ מאָטאָ צו זײַנע ווערק, ווערט געזאָגט: „ווען אַ מענטש גייט אַראָפּ פֿון דרך הישר, ווערט אַ פּגם בײַ ייִדן. דאַרף ער אויסקויפֿן די זינד, מאַכט רש"י — „אויסקויפֿן דורך יסורים"...טייל עגנונס ווערק זעען אויס ווי קינסטלערישע אילוסטראַציעס צו אַ פּסוק; אָדער דער פּסוק קומט ווי אַ לאָגישער אויספֿיר, וואָס באַרעכטיקט די סיפּור המעשה, די האַנדלונג.

הייבט אָן עגנון זײַן אַרײַנפֿיר אין דער דערציילונג מיט די ווערטער: „דאָס איז אַ מעשה מיט אַ מענטשן וואָס הייסט מנשה חיים, און קומט קיין בוטשאַטש און פֿאַרלירט זײַן מצב, און די אָרעמקייט ברענגט אים, אַז ער זאָל אויך פֿאַרלירן זײַן גלויבן; האָט ער געבראַכט צו אַ פּגם בײַ ייִדן, און ער איז געוואָרן פֿאַריאָגט און פֿאַרשטויסן"...

און אַזוי דערציילט שמואל יוסף עגנון, אין אַ באַרעדעוודיקן סטיל פֿון אַ חסידישער מעשה, אַ קאָנווענציאָנעלע געשיכטע וועגן אַ ייִדן אַ סוחר און זײַן אשת חיל, קריינדל טשאַרני. ס'איז אַ שטייגער־בילד פֿון אַמאָליקן קליינשטעטל. וואָס דערהייבט זיך אין פֿאַרלויף פֿון דער דראַמאַטישער האַנדלונג צו העראָיִשער עפּיק, צו עכט־ייִדישער נשמה־גרויסקייט, וועלכע פּרץ האָט באַצייכנט מיטן באַגריף „אויב נישט נאָך העכער", וואָס מיינט, אַז מיטגעפֿיל און הילף

פֿאַרן ליידנדיקן מענטשן איז „נאָך העכער״ ווי אַרויפֿגיין אויפֿן הימל. בײַ עגנונען נעמט אָן די טענדענץ אַ טראַנסצענדענטאַלע דימענסיע און גייט פֿון „אויב נישט נאָך העכער״ צום „העכסטן״: צום העכסטן אויסדרוק פֿון מענטשלעכקייט, צו מסירת נפֿש פֿון זיך מקרוב זײַן פֿאַרן צווייטן.

עגנון איז אַ טיף גלייביקער מענטש, און גלויבן שליסט אויס די איראָניע —דעם צווייפֿל און דאָס אויסלאַכן — אָבער ווישט נישט אָפּ דעם תמימותדיקן און צוטרוילעכן שמייכל פֿון די ליפּן. אַ לײַכטער שמייכל שוועבט צווישן זײַנע שורות, און אַזוי שמייכלענדיק דערציילט דער מחבר ווי קריינדל טשאַרני האָט געפֿירט דאָס געשעפֿט אין דער קהילה קדושה בוטשאַטש, און מנשה חיים האָט אַרויסגעהאָלפֿן און קיין מאָל פֿון האַנט אין ספֿר נישט אַרויסגעלאָזן. קוים דורכגעקומען מיט דער פּרנסה, אָבער געלעבט בשלום. מישן זיך אַרײַן שלעכטע מענטשן און ווילן אויסדינגען די קלייט. העכערט מען די אַרענדע. האָט די הוספֿה אויפֿגעגעסן דעם פֿאַרדינסט, און אַז די קלייט איז געבליבן אָן סחורה, איז פֿון שטוב אַוועק דער שלום בית און פֿון האַרצן דער גלויבן...

נעמט מנשה חיים דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט, פֿאַרזאָרגט זיך מיט אַ כתב פֿון רב, און לאָזט זיך אַוועק איבער דער מדינה. אויפֿן וועג גנבעט מען בײַ אים אַרויס דעם כתב. אין אַ צײַט אַרום שטאַרבט עפּעס אַ ייִד אין אַ קרעטשמע און מען געפֿינט בײַ אים אַ בריוו אויפֿן נאָמען פֿון מנשה חיים מיט אַן אונ־טערשריפֿט פֿון רב. אַז די ידיעה איז דערגאַנגען קיין בוטשאַטש האָט קריינדל טשאַרני ביטער געוויינט אויפֿן טויט פֿון איר מאַן. אָבער מיט דער צײַט האָט זי זיך געטרייסט, האָט חתונה געהאַט מיטן נגיד פֿון שטעטל און אין אַ צײַט אַרום אים אויך געגעבן אַ בן־זכר.

און דער לעבעדיקער מנשה חיים, דער אָן דעם כתב, האָט ווײַטער געפֿירט זײַן וואַנדער. פֿינף יאָר האָט ער אַזוי זיך אַרומגעשלעפּט פֿון שטאָט צו שטאָט, וווּ געטאָגט דאָרט נישט גענעכטיקט. צום סוף האָט ער זיך פֿאַרבענקט אַהיים. האָט ער אײַנגעהאַנדלט מתּנות פֿאַר זײַן קריינדל טשאַרני, האָט נישט פֿאַרגעסן מיטצונעמען אַ קמיע קעגן שוואַנגערשאַפֿט, און האָט זיך פֿאַרנומען אויפֿן וועג צו מדינת בוטשאַטש. געקומען אין שטאָט האָט ער גיך דערפֿאַרן זײַן בראָך: קריינדל טשאַרני איז אַן אשת איש און איר קינד איז דעריבער אַ ממזר...

אמת, דאָס איז געווען אַ חתונה בלא יודעים — מען האָט נישט געוווּסט, אַז מנשה חיים לעבט. אין שטאָט האָט מען אים געהאַלטן פֿאַר טויט, מען האָט געפֿונען דעם כתב פֿון בוטשאַטשער רב בײַ אַ נפֿטר, געמיינט אַז דאָס איז מנשה חיים, און אים געבראַכט צו קבר ישׂראל ערגעץ אין דער פֿרעמד. אָבער מנשה חיים לעבט, און ס׳איז זײַן חוב צו געבן דער פֿרוי אַ גט. וויל ער נישט פֿאַר־שטערן איר גליק און דער עיקר — נישט מאַכן דאָס קינד פֿאַר קיין ממזר, ס׳איז דאָך געבוירן געוואָרן פֿאַרן גט...

ער ווייסט, אַז על פּי דין טאָר ער פון דעם קיין סוד נישט מאַכן, אָבער עס באַשטימט צו שטאַרבן מיטן סוד. מנשה חיים, דער פרומער און אָפּגעהיטער ייִד, איז מקריב זײַנע ביידע וועלטן פאַרן גליק פון קריינדל טשאַרני. ער איז זיך חלילה נישט מאבד עצמו לדעת, נאָר ער מאַכט שלום מיט זײַן גורל און באַשטימט אָנצונעמען דעם גזר, אַז ער איז געשטאָרבן. באַזעצט ער זיך אויפן בית־עולם און איז מתפּלל צו גאָט ער זאָל משפּטן מיט חסד זײַנע מעשים.

ער פילט זיך אפשר שולדיק, וואָס ער האָט זײַן פרוי קיין קינד און קיין גליק נישט געקענט געבן. וויל ער מתקן זײַן דעם „פּגם" און איר פרייד נישט פאַר־שטערן. דאָס איז דער אמת צו וועלכן ער האָט זיך אַליין דערטראַכט, און די גערעכטיקייט וועלכע ער אַליין האָט אויסגעקליבן. דאָס איז די ייִדישע „בחירה חפשית", וואָס ווערט געמאַכט נישט מיטן כּוח פון שכל, נאָר מיט די געפילן פון האַרצן.

עס איז נישט קיין פּאַסיווע רעזיגנאַציע פאַרן פאַטום, ווי אין דער גריכישער טראַגעדיע, נאָר אַן אַקטיווער און באַוווסטזיניקער אויסוואַל, אַ העראָישער אַקט, וואָס דריקט אויס אַ גענעטישן —אַ גײַרשנטן — שטריך אין כאַראַק־טער פון ייִדישן מענטשן און אין דעם קינסטלערישן נוסח פון דער ייִדישער גײַסטיקער שאַפונג.

מנשה חיים ווייסט, אַז עס איז נישט קיין מצווה פאַר וועלכער מען דערוואַרט שכר, נאָר ס'איז מסירת נפש פאַר וועלכן עס קומט עונש. און ס'איז נישט ווי אין פּסוק שטייט ואהבת לרעך כמוך, זאָלסט ליבן דעם צווייטן ווי זיך אַליין, נאָר ס'איז ליבן דעם צווייטן מער ווי זיך אַליין... איז עס נישט „אויב נישט נאָך העכער", נאָר „דאָס העכסטע"; נישט נאָר אַרויסהעלפן אַ מענטשן אין אַ נויט, נאָר זיך מקריב זײַן פאַר אים... ס'איז אַ מעטאַפיזישע הייך צו וועלכער דער מענטש קען זיך דערהייבן געטראָגן אויף די פליגל פון זײַן עטיש־ייִדישן אינסטינקט, וואָס פאָלגט אויס דעם געבאָט פון זײַן מאָראַלישער נאַטור און פאַרנעמט די אינערלעכע שטים פון זײַן געוויסן — דאָס וואָרט פון גאָט — וואָס גיט אים דעם גײַסטיקן כּוח מיט פרייד צו דערפילן זײַן שליחות אין לעבן.

אין אַ צווייט ווערק, „הכנסת כלה", זאָגט אונדז עגנון, אַז ר' יודל חסיד — דער הויפּט־העלד פון דער נאָוועלע — „האָט באַשיצט זײַן נשמה מיט מעשים טובים און האָט נישט געשפּירט אַפילו, אַז עס זײַנען פאַראַן יסורים אויף דער וועלט"... מנשה חיים האָט באַשיצט זײַן נשמה מיט אַ פאַנצער פון „מעשים טובים", און ער איז געוואָרן אימוניזירט קעגן אַלע ערדישעליידן. ער איז מקבל באהבה זײַן גורל און עס זײַנען אים ליב די צרות, אין וועלכע ער פאַרקערפּערט סימבאָליש זײַן בײַטראַג און זײַן שותפות צום גליק פון קריינדל טשאַרני.

ס׳איז מסירת נפש, וואָס פאַרשאַפט אַ העכערן פאַרגעניגן, וואָס גיט צו חשיבות דער אייגענער פערזענלעכקייט, וועלכע קעמפט און ליידט פאַר עפּעס וואָס איז מער ווי דער אייגענער איך ...דאָס איז די פּסיכאָלאָגיע פון העראָיזם.

שלום עליכמס העלדן האָבן זיך געראַטעוועט פון דער טראַגיק מיטן כוח פון הומאָר און בטחון: זיי האָבן אויסגעלאַכט די ליידן. עגנון געפינט טרייסט אין דער אמונה. זײַנע מענטשן ווערן געטראָגן אויף די פליגל פון גרענעצלאָזער ליבשאַפט און קדושה, ווײַט און הויך איבער דער טראַגיק פון פיזישן ווייטיק און ערדישע זאָרגן...

דער מחבר זאָגט אין זײַן מאָטאָ: „מנשה חיים האָט נישט אונטערבראָכן דאָס לעבן פון אַנדערע, און האָט דערפאַר זוכה געווען עס זאָל בלײַבן נאָך אים אַ געדעכעניש און אַ נאָמען״...

דער טויט האָט אויסגעגלייכט די קרומקייט פון אַ לעבן, עס איז אָפּגע־ווישט געוואָרן די גרענעץ צווישן די צוויי וועלטן און די האַרמאָניע האָט זיך אײַנגעשטעלט אויפן עולם האמת... מנשה חיים שטאַרבט מיט אַ ריינעם גע־וויסן און מיטן באַוווסטזײַן אַז ער האָט אויסגעהאַלטן אַ שווערן נסיון. פאַר עגנונען איז ליבע אַ גורל זאַך, מן השמים, און אויב זי ווערט ניט פאַר־ווירקלעכט אין איין דור — איז אין אַ צווייטן, און אויב נישט אויף דער וועלט — איז אויף יענער. קריינדל טשאַרני דערוויסט זיך וועגן טויט פון איר ערשטן מאַן, און באַנעמט זײַן קרבן אין די יאָרן פון זײַן לעבעדיקן טויט אויפן בית עולם, אויסבאַהאַלטן פון מענטשן. קומט זי אויף זײַן קבר און באַוויינט אים צום צווייטן מאָל, אָבער אין אירע טרערן זײַנען איצטער פאַרבאָרגן פיל טיפערע סענטימענטן פון דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג...

מנשה חיים האָט ענדלעך געפונען זײַן קריינדל טשאַרני. עס האָט זיי פאַראייניקט אַ העכערע ליבשאַפט, וואָס האָט אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן טויט און לעבן. והיה העקוב למישור, דאָס קרומע איז אויסגעגלייכט געוואָרן, און ווי דורך אַ שווערן וואָלקן רײַסט זיך דורך אַ שטראַל פון שטילער פרייד, אַן אָנזאָג אַז דער מענטש קען מיט זײַנע מעשים מתקן זײַן די קרומקייטן פון זײַן לעבן און פאַר דער האַרמאָניע צאָלן, ווי רש״י זאָגט: מיט יסורים, און ווי עגנון זאָגט: אַפילו מיטן אייגענעם לעבן...

דער מענטש ווערט געבוירן מיט אַ פּגם — מיט אַ מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, לויט אַלפרעד אַדלערן — און זײַן פערזענלעכקייט ווערט פאַרמירט אין דער מאָס אויף וויפל ער באַווײַזט גובר צו זײַן דעם אומגלויבן אין די אייגענע כוחות, די מורא, די אומזיכערקייט, די אָפּהענגיקייט פון די עלטערן, און די אַלע אַנדערע שוואַכקייטן, וועלכע זײַנען כאַראַקטעריסטיש פאַרן פעריאָד פון דער קינדהייט. באַווײַזן אייניקע בשלום צו דערגרייכן זייער פּסיכישע רייפקייט — וואָס מיינט, אַ האַרמאָנישע אינטעגראַציע פון די

פֿיזישע און גײַסטיקע עלעמענטן, שלימות, גאַנצקייט און רייפֿקייט פֿון קערפּער און נשמה — און זיי ווייסן ווי אויסצעווילן זייער וועג אין לעבן ווי דער־וואַקסענע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן; און אַנדערע פֿאַרבלײַבן ווי נישט דערבאַקן, מיט אינפֿאַנטילע כאַראַקטער־שטריכן אויפֿן גאַנצן לעבן.

דער זין פֿון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ באַשטייט, דעריבער, אין דער אייביקער שטרעבונג צו שלימות, צו גײַסטיקער האַרמאָניע מיט זיך און מיט דער וועלט — דאָס איז דער אידעיִש־ראָמאַנטישער קערן פֿון עגנונס קינסטלערישן שאַפֿן. אָבער דער ייִד דאַרף מתקן זײַן נישט נאָר זײַן אינדיווידועלן פּגם, נאָר אויך זײַן נאַציאָנאַלן פּגם, וועלכן עס האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט דער גלות. פֿאַר עגנונען איז דער גלות אַ פּגם, וואָס ליגט אויף דער נשמה פֿון פֿאָלק און וואָס האָט פֿאַרקרימט דאָס לעבן פֿון יעדן ייִדן. חנניה, די הויפּט־געשטאַלט אין „בלבב ימים“, לאָזט זיך גיין צופֿוס קיין ארץ ישׂראל; אויפֿן וועג פֿאַרריכט ער צעבראָכענע כלים, ווי אַ סימבאָל, אַז דער מענטש דאַרף אויספֿילן זײַן לעבן מיט מעשׂים טובים, און אַז דער מהות פֿון ייִדישקייט איז שלימות. ר׳ יודל חסיד זאָגט: „אַלע צרות פֿון דער וועלט זײַנען גאָרנישט שבגאָרנישט אין פֿאַרגלײַך מיטן צוקונפֿטיקן גליק, וואָס עס דערוואַרט די ייִדן אין ארץ ישׂראל“. „אין תמול שלשום“ ברענגט עגנון אַרויס דעם געדאַנק, אַז נישט אין די שטעט, נאָר אויף די פֿעלדער פֿון גליל, וועט דער חלוצישער גײַסט מתקן זײַן דעם היסטאָרישן פּגם, און שאַפֿן די באַדינגונגען פֿאַר אַ שלימותדיקן ייִדישן לעבן.

עגנון ווײַזט אויך די לינקע זײַט פֿון דער מטבע און שילדערט די, וועלכע האָבן נישט דעם מוט אויסצוגלייכן די קרומקייטן, און לעבן אין פֿאַלשקייט און אין ליגן. אין זײַן ראָמאַן „סיפּור פּשוט“ איז אויך דער צענטראַלער מאָטיוו — די אַקס אַרום וועלכער עס דרייט זיך די סיפּור־המעשׂה — אַ פּגם אין דער משפּחה. דער גרינדער פֿון דער פֿאַמיליע טוט אָפּ משוגעדיקע שטיק און פֿירט זיך אויף נישט ווי אַלע מענטשן. אָבער ער פֿאַרלירט נישט די פֿאַרבינדונג מיט דער רעאַליטעט, און גייט נישט ווײַט אַרויס די נאָרמאַלע גרענעצן. זײַן אייניקל אָבער איז שוין אין גאַנצן משוגע, און דאָס איז אַ חסרון פֿאַר אַ גוטן שידוך פֿון זײַן ייִנגערער שוועסטער. איר פֿאָטער, אַ רײַכער סוחר, מאַכט זי דעריבער חתונה מיט אַ משרת פֿון זײַן קלייט, וועלכער האָט מיט אַ לײַכט האַרץ אָפּגעלאָזן זײַן פֿריִערדיקע אָרעמע כלה און האָט חתונה מיט דער טאָכטער פֿון זײַן רײַכן באַלעבאָס.

דאָס פּאָרל לעבט בשלום. דאָס געוויסן מאַטערט זיי נישט, אָבער די נאַטור באַשטראָפֿט זיי. זייער זון איז געראָטן אין זיידן, און די מוטער טוט מיט אים אַ שידוך לויט איר ווילן. ער האָט ליב אַן אַנדערע, אַן אָרעם מיידל, די טאָכטער פֿון דער פֿרוי וועלכע איז אַמאָל געווען זײַן פֿאָטערס ערשטע כלה.

און די נישט פֿאַרווירקלעכטע און נישט אויסגעלייזטע ליבע שטעלט זיך ווי אַ וואַנט צווישן דעם יונגן פּאָרל, און ווערט ווי אַ שטראָפֿנדיקע האַנט פֿון אַ העכערער גערעכטיקייט, וואָס איז גוזר, פּוקד עוון אבות על־בנים, על־שלשים ועל־רבעים. וואָס מאָנט אויף פֿון דריטן און פֿערטן דור פֿאַר די זינד פֿון זייערע עלטערן.

די „פּשוטע מעשׂה“ איז אַ געשיכטע פֿון אַ קרומקייט וואָס איז נישט אויסגעגליַיכט געוואָרן; פֿון אַ פּגם וואָס האָט נישט געפֿונען קיין תּיקון. און דער מחבר דערציילט אונדז, אַז דאָס ערשטע קינד וואָס איז געבוירן געוואָרן ביַים פּאָרל, איז געווען קרענקלעך און נית באַליבט ביַי די עלטערן. עס איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון אַ פּאָרונג, אָבער נישט פֿון קיין ליבע... קלינגט עס ווי אַ טרויעריקער אָנזאָג, אַז עס קומט צו נאָך אַ רינג אין דער דורותדיקער קייט פֿון קרומקייטן אין דער משפּחה.

די „פּשוטע מעשׂה“ וואָס דערציילט מיט אַ שפּראַך פֿון אַ פֿאָלקסטימלעכן נאַראַטיוו די פּרטי־פּרטים פֿון אַ קליינשטעטלדיקן לעבן, וואַקסט אַריבער די גײַסטיקע אַטמאָספֿער פֿון קליינשטעטל, און די מעשׂה ווערט שוין גאָרנישט אַזוי פּשוט.

די סוגעסטיע פֿון עגנונס שילדערונג ליגט נישט נאָר אין דער שפּראַך, וואָס פֿליסט אין די ברעגן, וועלכע עס האָט געעפֿנט די חסידישע מעשׂה, נאָר דער הויפּט־קוואַל פֿון זײַן אינספּיראַציע איז פֿאַרבאָרגן אין דער אידעישער אײַנשטעלונג, אין דער פּסיכישער אינטויציע און אין דעם הומאַניסטישן וועלטבאַנעם. רײדנדיק מיט פּשוטע טערמינען: אין דער נשמה און נישט נאָר אין דעם שפּראַכלעכן לבוש. און אָט די נשמה־עלעמענטן זײַנען ווי פּערל אין אַ מושל, ווי גאָלד־זעמדעלעך אין אַ באַרג־אָדער. זיי קומען ווי אַן אַנטפּלעקונג, אומגעריכט, נישט נאָר פֿאַרן לייענער, נאָר, ווי עס שײַנט, אויך פֿאַרן מחבר; און דערפֿאַר טאַקע ווײַל זיי שפּראָצן אַרויס ווי אַ התגלות פֿון אַ טיפֿער מיסטעריע, איז אין זיי פֿאַרקערפּערט דער אמת פֿון לעבן און דער גורל פֿון מענטשן.

אָט לאָזט דער מחבר זאָגן איינעם פֿון זײַנע העלדן: „נישט יעדער איינער איז זוכה אָפּצודאַנקען יענע, וועלכע האָבן אים גוטס געטאָן; געבוג פֿאַר זיי, אַז מען צאָלט זיי נישט אָפּ מיט קיין שלעכטס... קומט דאָך אויס אַז מען דאַרף זיך מיאש זײַן? ניין, איינער טוט גוטס אַ צווייטן און ווערט נישט באַלוינט; אין אַ צײַט אַרום טוט דער צווייטער גוטס אַ דריטן, און דער דריטער — אַ פֿערטן או אַזוי ווײַטער. אַזוי אַרום באַקומט דאָס גוטס זײַן לוין, און די וועלט האָט אַ קיום“...

אין דער ציטאַטע איז פֿאַרבאָרגן עגנונס כאַראַקטעריסטיש קלוגער שמייכל: „עס איז גענוג פֿאַר זיי — פֿאַר די וואָס האָבן גוטס געטאָן — אַז מען

צאָלט זיי נישט אָפּ מיט קיין שלעכטס... עס קלינגט ווי אַן איראָניע, וואָס לאָכט אויס בכלל פֿון טאָן אַ טובה. עס ליגט דאָ אָבער אַ צווייטע אַ פּאָזיטיווע איינשטעלונג, אַז דער וואָס טוט עמיצן אַ טובה דאַרף נישט דערוואַרטן מען זאָל אים אָפּצאָלן מיט דער זעלבער מטבע. אַ טובה פֿאַר אַ טובה איז אַן ענין מסחר — און האָט נישט קיין מאָראַלישע דעקונג. נאָר אַ מענטש וואָס טוט גוטס שלא על מנת לקבל פּרס, וועט מיט זײַנע גוטע מעשים דערוועקן גוטע געפֿילן בײַם צווייטן, און דער צווייטער וועט טאָן גוטס אַ דריטן, דער דריטער — אַ פֿערטן, און אַזוי האָט אַ קיום די וועלט. „קיין רגע שיינקייט ווערט נישט אויף דער וועלט פֿאַרלאָרן", האָט געזאָגט אַ ייִדישער דיכטער.

„דאָס גוטע" ווי אַ קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו פֿון דער מענטשלעכער עקסיסטענץ און „דער קיום פֿון דער וועלט" ווי אַ הייס־באַגערטער ציל, בילדן די לעבנס־סובסטאַנץ, וואָס גיט אַן אינהאַלט און אַ העכערן זין — אַ מאָראַלישן תּכלית — עגנונס קינסטלערישער שאַפֿונג.

אין זײַן פּשוטער מעשׂה האָט עגנון זיך פֿאַרמאָסטן אַרײַנצובליקן אין אַ טיפֿן סוד פֿון דער מענטשלעכער נאַטור, אין דער פֿראַגע פֿון ירושה — פֿון „פּגם" — וואָס גייט איבער פֿון עלטערן צו קינדער. עמיל זאָלאַ האָט עס באַהאַנדלט אין אַ גאַנצער סעריע ראָמאַנען פֿון דער פֿאַמיליע רוגאָן מאַקער. דער גרויסער פֿראַנצייזישער שרײַבער האָט פֿאַרלייגט אַן אומגעזונטן קערן אין דער נשמה פֿון דעם גרינדער פֿון דער משפּחה, און דער וואָרעם איז איבערגעגאַנגען פֿון איין דור צום אַנדערן. אָבער ער האָט פֿאַראורזאַכט שאָדן נאָר דאָרטן ווו די סבֿיבֿה האָט באַגינצט זײַן טעטיקייט, און ווו גאָר אויף אַ פֿאַרפּעסטעטן באָדן האָבן געקענט אויסוואַקסן אַזעלכע צעפֿוילטע געוויקסן ווי נאַנאַ און ענלעכע צו איר פּירות...

עמיל זאָלאַן האָט דער עיקר אינטערעסירט דער סאָציאַלער און פּסיכיי־שער אַספּעקט פֿון דעם פּראָבלעם. פֿאַר עגנונען איז עס אַ מאָראַלישער ענין, און ווען ער פּרוּווט געפֿינען דאָס פֿאַר וואָס דער מענטש איז אַזוי אומבאַהאָלפֿן אין קאַמף קעגן די „קרומקייטן" פֿון לעבן, אָדער קעגן די פֿעלערן געירשנטע פֿון די עלטערן, גיט ער אַזאַ קאַטעגאָרישן און אויסשעפּנדיקן ענטפֿער, וואָס איבעראַשט מיט דער טיפֿקייט פֿון זײַן פּסיכאָלאָגישן אַרײַנבליק אין מענטש־לעכן וועזן.

„רגילות, זאָגט ער, איז שטאַרקער פֿון שׂכל". דער שׂכל, הייסט עס, איז אומבאַהאָלפֿן קעגן דער געוווינהייט, קעגן דער רוטין, וואָס פֿאַרדעקט דעם מענטשן ווי מיט זשאַווער און ער קען זיך ניט ראַטעווען פֿון רגילות, אין וועל־כער ער זינקט ווי אין אַ בלאָטע.

מיטן כּוח פֿון זײַן פּסיכישער אינטויציע — פֿון דעם זעקסטן חוש, וועלכן עס פֿאַרמאָגט יעדער עכטער קינסטלער — האָט שמואל יוסף עגנון פֿאַרענטפֿערט אַ האַרבע שאלה, אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש, וועלכע ווערט פֿאָרמולירט אין דעם גזר, אַז „פֿון דעם דריטן און פֿערטן דור וועל איך אויפֿמאָנען פֿאַר די זינד פֿון די עלטערן״.

הערשל, דער הויפּט־העלד פֿון דער פּשוטער מעשׂה, האָט אויסגעוויילט זײַן באַשערטע און עס האָט אויסגעזען ווי אַ זיווג פֿון הימל. מאַכט מען אים אָבער חתונה מיט אַן אַנדערער, און כאָטש דאָס האַרץ פּראָטעסטירט, האָט די „רגילות״ פּאַראַליזירט זײַן שׂכל און זײַן ווילן. די אינערציע, די מאָראַלישע פּוילקייט האָבן אים אונטערגעהאַקט די פֿליגל, און ער האָט זיך צוגעוווינט צו דער קרומקייט, און איז אַליין פֿאַרקרימט געוואָרן.

עס איז אמת, ער האָט געירשנט עפּעס אַ פֿעלער פֿון אַ זיידן, אָבער ער האָט נישט געפֿונען אין זיך די גײַסטיקע קראַפֿט גובר צו זײַן די אײַנגעבוירענע שוואַכקייטן און האָט שלום געמאַכט מיטן פּגם אין זײַן לעבן. איז עס אַ לעבן אין פֿאַלשקייט, וועלכן די נאַטור איז נישט מוחל. לײַדט ער אין דער שטיל, און ווייס מעגלעך נישט די סיבות פֿון זײַנע לײַדן. און פֿון אַזאַ לעבן ווערט עס געבוירן אַ קריפּל, נאָך אַ קרבן, אַ קרענקלעך קינד. וועלכעס איז נישט ליב די עלטערן, און זיי שיקן עס אַוועק אין דאָרף אַרײַן צו דער באָבען מיטן זיידן.

די פּסיכישע אינטויציע פֿאַרלאָזט נישט דעם מחבר און פֿירט אים מיט אַ זיכערער האַנט איבערן לאַבירינט פֿון דער מענטשלעכער נשמה. דערציילט ער אונדז, אַז נישט איין מאָל איז הערשל געשטאַנען איבערן וויגל פֿון זײַן קינד און זײַנע ליפּן האָבן שטיל געשעפּטשעט „יתומל מײַנס, יתומל״... ווען די פֿרוי האָט עס דערהערט איז זי געבליבן איבערראַשט, און נישט ווייניקער אויך ער אַליין, וואָס האָט נישט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי פֿון זײַן מויל האָבן זיך גאָר געקענט אַרויסכאַפּן אַזעלכע ווערטער.

דאָס האָט דער יונגער טאַטע געוואָלט, אַז זײַן זון זאָל בלײַבן אָן אַ מאַמען. דאָס איז געווען אַן אומבאַוווּסטזיניקער פֿאַרלאַנג, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט נישט ווילנדיק, און זיך אויסגעדריקט אומדירעקט, אין רחמנות צום „יתומל״...

דאָס דערמאָנט די רייד פֿון יענעם גוטן אַלטיטשקן, וועלכער האָט אַזוי ליבלעך געזאָגט צו זײַן פֿרוי: „רחלע, מײַן ווײַב, טאַמער, חלילה, איינער פֿון אונדז וועט אַוועקגיין, — אַ מענטש לעבט דאָך נישט אייביק, — וועל איך אם ירצה השם אַוועקפֿאָרן קיין ארץ ישׂראל...״.

אין ליכט פֿון אָט דעם אַנאַליז ווערט אונדז פֿאַרשטענדלעך עגנונס אַ האַרבע טענה, וועלכע מיר הערן נישט איין מאָל אין די רייד פֿון זײַנע העלדן

און לייענען אָפּט אַרויס פֿון צווישן זײַנע שורות, אַז „אַ לעבן אָן מעשׂים טובֿים איז אַ שווער לעבן״... עס הייסט, אַ לעבן אָן אייגענער איניציאַטיוו, אָן אַ שטרעבונג זיך צו דערהייבן, אָן אַ ווילן אויסצוגלײַכן די אַלע קרומקייטן און אומגערעכטיקייטן, וואָס ווערן אויף אונדז אַרויפֿגעצוווּנגען פֿון דרויסן, אָדער וועלכע מיר האָבן מיטגעבראַכט ווי אַ ירושה פֿון די עלטערן — אַ לעבן אָן אַזעלכע מעשׂים טובֿים, אָן העכערע אַספּיראַציעס, אָן אַ מאָראַלישן תּכלית, איז אַ שווער לעבן.

די פּשוטע מעשׂה דערציילט עס אונדז וועגן אַזאַ שווערן, גרויען און וואָכעדיקן לעבן. אַ לעבן אין רגילות, וווּ „געוויינהייט איז די צווייטע נאַטור״ און וווּ דער מענטש האָט זיך געלאָזט מיטשלעפּן מיטן שטראָם פֿון פֿרעמדע אײַנפֿלוסן, מיטן וועג פֿון לײַכטסטן ווידערשטאַנד. און ער איז געוואָרן ווי אַן אָפּגעריסן בלעטל אויפֿן ווינט, וואָס פֿירט אַן עקסיסטענץ, וועלכע איז אין ווידערשפּרוך צו זײַנע אינטימסטע באַגערן.

פֿאַסיוו זיך אונטערוואַרפֿן דעם גורל, אָננעמען די שטראָף פֿון פֿאַטום, איז אַ גוי־ישער קאָנצעפּט, וואָס איז אונטערגעוואָרפֿן דעם פּרינציפּ פֿון דעטער־מיניזם, וועלכער פּריידיקט, אַז דער גורל פֿון מענטשן ווערט באַשטימט פֿון אויבן, ווי מאַרטין לוטער האָט געזאָגט: „דער מענטש קען גאָרנישט מתקן זײַן מיט זײַנע מעשׂים״...דאָס מיינט, אַז ווי גוט און פֿרום דער מענטש זאָל נישט זײַן, קען ער נישט אָפּווענדן דעם גזר פֿון הימל, וואָס איז געחתמעט געוואָרן בײַם געבוירן און באַגלייט אים ביזן טויט.

לויט דער ייִדישער וועלט־אַנשויונג איז דער מענטש דער שעפֿער פֿון זײַן אייגענעם גורל, ווײַל ס׳איז אים געגעבן געוואָרן די בחירה חפֿשית, די מעגלעכקייט אויסצווויילן צווישן גוטס און שלעכטס, און באַשטימען זײַן וועג אין לעבן. דער פּרינציפּ, וואָס איז אַן עיקרדיקער יסוד פֿון דער תּורה, איז פֿאַרקערפּערט אין די שענסטע קינסטלערישע געשטאַלטן פֿון אונדזער ליטע־ראַטור, און באַשטימט בײַ עגנונען דעם זין און אינהאַלט פֿון זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן, וועלכער ווערט מיט דער פּשטות פֿון זײַן שפּראַך אויסגעדריקט אין דער פֿאָרמולע „אַ לעבן אָן מעשׂים טובֿים איז אַ שווער לעבן״.

עס איז „שווער״ ווײַל ס׳איז קיין לעבן נישט: עס איז אַ וועגעטאַציע, ווי די עקסיסטענץ פֿון אַ חיה, וועלכע ווערט רעגירט דורך אירע אינסטינקטן; אַזוי וועגעטירט אויך דער מענטש, וועלכער האָט נישט קיין אַנדערע לעבנס־אימפּולסן ווי נאָר די געוויינהייט צו באַפֿרידיקן זײַנע עלעמענטאַרע באַדער־פֿענישן.

זאָגט איינער פֿון שלום עליכמס העלדן: „אַ פֿערד לעבט דאָך אויך; אָבער אַ מענטש, להבדיל, איז דאָך קיין פֿערד נישט״... אַ פֿערד לעבט ביאָלאָגיש,

מיט דער טרײַב־קראַפֿט פֿון די אינסטינקטן, וועלכע עס האָט געירשנט פֿון דער נאַטור. דאָס מענטשלעכע אין דעם מענטשן הייבט זיך אָן דאָרט וווּ עס ענדיקט זיך די ביאָלאָגיע און עס גייט אַרײַן אין קאָן דער העכערער ווילן, וואָס צינדט אָן אין מענטשן אַ לײַדנשאַפֿטלעכן באַגער זיך אַרויסצוהייבן פֿון דער פּאַסיווער אונטערגעוואָרפֿנקייט דער נאַטור און „ווערן אַ מענטש" — עס הייסט, אַזאַ לעבעדיק וועזן, וועלכעס שטרעבט צו לעבן אַקטיוו און באַוווּסטזיניק, לויטן דיקטאַט פֿון זײַן אייגענעם האַרצן און מאָראַלישן געוויסן.

דאָס אַלץ וואָס דער מענטש טוט צו פֿאַרווירקלעכן זײַן שטרעבונג זיך אַרויסצוהייבן צו אַ העכערער מענטשלעכער מדרגה — און אין פֿאַל פֿון עגנון: צו דער העכסטער מדרגה פֿון מסירת נפֿש — זײַנען מעשׂים טובֿים, וואָס ברעכן די ווײַכע בעט פֿון רוטין און שנײַדן איבער די שטריק פֿון רגילות, וועלכע שלעפּן דעם מענטשן פּאַסיוו, ווי אַ באַלאַסט, איבער די גרויע טעג און יאָרן פֿון זײַן לעבן. דאָס מענטשלעכע אין דעם מענטשן — אָדער דאָס געטלעכע אין אים — הייבט זיך אָן און לאָזט זיך אויס מיט „מעשׂים טובֿים", דורך וועלכע דער מענטש דריקט אויס זײַן שעפֿערישן גײַסט, זײַן פֿרײַהייט פֿון אויסוואַל, זײַן פּערזענלעכקייט, און ער ווערט דעריבער דער שעפֿער און אַרכיטעקט פֿון זײַן לעבן.

עס האָט געזאָגט קירלערגאַרד, דער פֿאָטער פֿון דער עקסיסטענציאַליסטישער פֿילאָסאָפֿיע, אַז „דער מענטש באַשאַפֿט זיך מיט זײַנע מעשׂים און ער האַלט אין איין שטייגן דורך זיי".

עגנונס עסטעטישער פּיזאַזש באַשטייט פֿון עטישער שיינקייט, וואָס דערפֿרייט דאָס האַרץ און זעטיקט דעם געמיט. ער שילדערט אַ גרויע וואָכעדיקע פּאַנאָראַמע, אָבער פֿאַרגאָסן מיט אַן אינערלעכן ליכט, וועלכן מען זעט ניט מיט די פֿיזישע אויגן, מען קען אים נאָר דערפֿילן מיטן האַרצן. אויף זײַן שפּראַך איז אויסגעגאָסן די קדושה פֿון דער טאַט און די חכמה פֿון דורות. נישט דאָס וואָרט איז בײַ אים דער עיקר, נאָר די מעשׂים. און די מעשׂים טובֿים פֿון עגנונס העלדן זײַנען שענער פֿון די ווערטער, און דאַרפֿן נישט קיין שפּראַך־באַפּוצונג.

שמואל יוסף עגנון האָט אין דעם גאַליציאַנער שטעטעלע בוטשאַטש, אַנטדעקט דעם אָטעם פֿון דער ייִדישער גײַסטיקער ענערגיע. די קלוגע „גאַליציאַנער" האָבן שכל געהאַט אויפֿצוהיטן דאָרט, אין דער ריינסטער פֿאָרעם, אַ קערנדיקן טראַדיציאָנעל־ייִדישן שטייגער און אויסבאַהאַלטן די שענסטע נשמה־אוצרות פֿון ייִדישקייט. גייט בוטשאַטש אַרײַן אין דער ליטעראַטור און אין דער ייִדישער געשיכטע ווי אַ היסטאָרישער באַגריף, ווי אַ סימבאָל פֿון ייִדישער גײַסטיקייט, וואָס איז נישט פֿאַרבונדן מיט קיין גרענעצן פֿון אָרט און פֿון צײַט.

אין די ענגע געאָגראַפֿישע ראַמען פֿון ייִדישן קליינשטעטל פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, האָט עגנון דערזען דעם אומענדלעכן אוניווערס פֿון דער ייִדישער נשמה, און האָט מיט דער פֿרום־ תּמימותדיקער שפּראַך פֿון זײַנע בית־מדרש ייִדן געשילדערט דעם אמת פֿון מענטשלעכן לעבן; אַן אמת, וואָס טראָגט די קרוין פֿון אייביקייט, און וואָס איז צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט געוואָרן אין דעם ספֿר־הספֿרים, פֿון וועלכן עגנון איז דער פֿאַרליבטער און פֿאַרגלייבטער אויסטײַטשער. מיט אַ האַרץ פֿול ליבע און אמונה דערציילט ער זײַנע „סיפּורי־מעשיות“, ווי ער רופֿט זיי, איז אים טאַלאַנט געגעבן געוואָרן ווי אַ צוגאָב — במתּנה...

באַטראַכטן מיר דורך דער פּריזמע פֿון האַרץ דאָס גרויסע ווערק פֿון אונדזער ערשטן נאָבעל־פּרײַז געווינער, אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אונדז אַ ביבלישע פּאַנאָראַמע פֿון אַ פּריידיקער, וואָס טראָגט זײַן אויסגעוויטיקט וואָרט צו אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, און וואָס פֿאַרקערפּערט אין קינסטלערישע אימאַזשן ליבשאַפֿט און גלויבן אין מענטשן. אינספּירירט אין די אידעען פֿון דער תּורה, וואָס קולטיווירט דאָס מענטשלעכע אין מענטשן, לערנט עגנון דורך מעשׂים טובֿים און מסירת נפֿש צו שטרעבן צום העכסטן... דער תּוך פֿון זײַן קונסט ליגט אין דער טיפֿער הומאַניסטישער אידעע, וואָס האָט באַקומען אַן אָפּקלאַנג אין האַרצן פֿון אונדזער צעטומלטן דור און זיך פֿאַרדינט אוניווערסאַלע אָנערקענונג.

„אין קיין שום ליטעראַטור איז נישט פֿאַראַן אַזאַ ליכטיקע געשטאַלט ווי טבֿיה דער מילכיקער“ האָט געזאָגט אַ ייִדישער דיכטער און מיר וועלן צוגעבן אַז: אין קיין שום ליטעראַטור איז נישט פֿאַראַן אַזאַ שרײַבער ווי עגנון, וואָס שרײַבט זײַנע סיפּורי־מעשיות ווי אַן עבֿודה הקודש, מיט אַ הייליקן ציטער און מיט אַ פֿרומער כּוונה. ווי די פֿאַרצײַטיקטע סופֿרי־סת״ם, וואָס פֿלעגן זיך טובֿלען פֿאַר יעדער פּרשה, אַזוי טובֿלט ער יעדעס וואָרט זײַנס אין דעם הייסן ווונטש מתקן צו זײַן די וועלט און פֿאַרבעסערן דעם מענטשן. מיט לויטערער אמונה דערפֿילט ער זײַן שליחות, און זײַן וואָרט ציגנדט אַן פֿײַערן פֿון גלויבן אין האַרצן. ער האָט געגעבן אַ קינסטלערישן תּיקון דער טראַדיציע פֿון דער אגדה און פֿון דער חסידישער מעשׂה, און זײַן ייִדישע וועלט פֿון חסד און מידות טובֿות האָט ער אַרײַנגעפֿירט אין דער אוניווערסאַלער ליטעראַטור.

זיך באַציִענדיק אויף זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט האָט געזאָגט עגנון מיט באַשיידנקייט, אַז ער איז דער פֿאַרוואָגלטער זון, וואָס דערציילט די אַמאָליקע גרויסקייט פֿון זײַן עלטערן־היים... איז עס נישט קיין פֿרוכטלאָזע רעגרעסיע צום נעכטן, אָן אַן אויסזיכט פֿאַרן הײַנט און פֿאַרן מאָרגן. פֿאַרקערט, ס׳איז אַן אויסדרוק פֿון אייביקער שטרעבונג פֿאָרויס, וואָס איר טרייבקראַפֿט

איז די ראָמאַנטישע בענקשאַפֿט צום מקור, אַרום וועלכן די היסטאָרישע באַוועגונג פֿון פֿאָלק מאַכט אַן אומקרײַז, איז אַן עקליפּטישער ליניע, ווי אין אַן אָרביטע אַרום איין ענערגעטישן צענטער. וואָס גיט ליכט און לעבן.

אין דעם איז דער גרויסער סוד פֿון נצח ישׂראל, פֿון דער אייביקער רונד־אַרום באַוועגונג, אַרום איין אחד פֿון גרויסע עטישע און נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס האַלטן אויף די גאַנצע סיסטעם, זי זאָל זיך נישט אויפֿלייזן און פֿאַרשווינדן אין דעם אומענדלעכן לויף פֿון די צײַטן.

עגנונס ליטעראַרישע שאַפֿונג איז אַ גרויסער הומאַניסטישער בײַטראַג פֿאַר דער אוניווערסאַלער קולטור, און די אַלוועלטלעכע אָנערקענונג וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן, איז אַ גרויסער כּבֿוד פֿאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור, פֿאַר מדינת ישׂראל און פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל, וואָס דאַרף מאַכן יעדן ייִדן ייִדישער און די פֿעלקער — מענטשלעכער. ייִדישקייט און מענטשלעכקייט זײַנען אידענטישע באַגריפֿן. אויף דעם זאָגן עדות די רייד פֿון די נבֿיאים, און דאָס באַשטעטיקט אויך אין אונדזער דור דאָס פֿרומע און האַרציקע וואָרט פֿון אונדזער ערשטן נאָבעל־לאַורעאַט, שמואל יוסף עגנון.